ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of the Shluchim Office



כ' כסלו תשס"ה

פרשת וישב

**בס"ד ערב שבת פרשת וישב**

**עורכת: איידלה וועכטער**

**טייערע קינדער שלוחים,**

**גוט יום טוב! גוט יום טוב!**

**היינט- כ' כסלו איז א המשך פון אונזער ראש השנה לחסידות!**

**איך האף אז איר האט אלע אנגענומען שטארקע החלטות אויף די קומענדיגע יאר, החלטות אויף לערנען חסידות, און פירן זיך אין די וועגן פון חסידות. קינדער, אייער גאנצע לעבן אויף שליחות איז "דרכי החסידות", פארשפרייטן אידישקייט און חסידות, נאר מען קען, און מוז, זיך אלעמאל שטארקן אין דעם. די וואך קומט אן די פרייליכע יום טוב פון חנוכה!! איר זאלט געדענקן זאגן הלל און על הניסים יעדן טאג, און בעיקר, באלייכטן די וועלט אז מיר זאלן שוין אנצינדען די מנורה אין בית המקדש השלישי תיכף ומיד ממש!!**

## לעבן מיט דער צייט

## כ' כסלו

כ' כסלו איז דער טאג וואס מען האט דער ערשטער מאל געדרוקט דעם הייליגן תניא אין יאר תקנ"ז. דער אלטער רבי האט ניט געוואלט דרוקן דעם תניא, אבער אנדערע מענטשן האבן דאס געדרוקט מיט גרייזן און מען האט געמוזט דרוקן דעם תניא ריכטיגערהייט.

קינדער, כ' כסלו איז זייער א וויכטיגע טאג אנצונעמן נייע החלטות אויף צו לערנען תניא ווי עס איז צוטיילט געווארן אויף יעד'ן טאג אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט, און חזר'ן תניא בעל פה!



## א הוראה פון די פרשה

### פרשת וישב

אומעטום אין חז"ל, ווערט יוסף אנגערופען "יוסף הצדיק". דארף מען פארשטיין:

זיכער זיינען דאך אויך אלע זיינע ברידער- די שבטים – געווען צדיקים. זייענדיק זין פון יעקב אבינו, וואס האבן זיך אויפגעהאדעוועט און נתחנך געווארן ביי אים אין שטוב, האבן זיי זיך זיכער אויפגעפירט מיט אמת'ע צדקות, ווי יעקב האט זיי מחנך געווען און ווי עס פאסט פאר יעקב אבינו'ס א זון.

איז פארוואס רופט מען אן דוקא יוסף מיטן נאמען "יוסף הצדיק"?

מוז מען זאגן, אז יוסף הצדיק איז געווען א גרעסערער צדיק פון אלע זיינע ברידער. עס זיינען פאראן אסאך מדריגות אין צדיקים. ווי עס פארשטייט אפילו א קליינע קינד, אז אין תורה זיינען פאראן א סך מצוות, און מען קען אלעמאל מקיים זיין מצוות בעסער און נאך בעסער. און דעריבער, אמת טאקע אז אלע זין פון יעקב אבינו האבן זיך געפירט ווי עס דארף צו זיין, און זיינען געווען צדיקים, האט אבער יוסף הצדיק זיך געפירט נאך בעסער, און נאך שענער, און דערפאר ווערט ער אנגערופען "יוסף הצדיק".

און דאס איז דער "ארדער-אוו-די-דעי" וואס מען לערנט אפ פון יוסף הצדיק:

אפילו אויב ביז היינט האט מען זיך אויפגעפירט ווי עס באדארף צו זיין, אט ווי די אלע זין פון יעקב אבינו האבן זיך געפירט, לערנט מען אפ פון יוסף הצדיק אז מען דארף צוגעבן נאך מער.

אין פשוט'ע ווערטער:

בשעת א קינד וועט מאכן א "חשבון" וועט ער זעהן אז כאטש אפילו ער האט זיך אויפגעפירט גאנץ גוט אין די פריערדיגע טעג, ער האט געלערנט א סך תורה און מקיים געווען א סך מצוות, פונדעסטוועגן, אויב ער וועט זיך גוט אריינטראכטן וועט ער געפינען אז עס זיינען געווען מינוטן און אפשר נאך מער ווי מינוטן, וואס ער האט ניט געלערנט תורה אזוי גוט.

אדער ער וואלט געקענט טאן נאך מער מצוות, למשל, געבן נאך מער געלט אויף צדקה, אדער זיין אהבת ישראל צו זיין חבר איז נאך ניט געווען "כמוך" ממש (אזוי ווי ער האט ליב זיך אליין) ובמילא איז געבליבן ארט אויף מוסיף זיין אין אהבת ישראל.

און דאס לערנט מען אפ פון "יוסף הצדיק", אויף צוגעבן נאך און נאך אין לימוד התורה וקיום המצוות.

*קינדער, אט די זעלבע אפלערנונג נעמן מיר פון די נרות חנוכה. ווען מען צינדט אן נרות חנוכה אויף דער ערשטער נאכט, איז מען מקיים די מצוה מיט איין ליכט. אויף דער צווייטער נאכט, איז איין ליכט ניט*

*(המשך אין עמוד 2)*

# דערצייל מיר א מעשה



אין יאר תקנ"ה, זיינען צוויי חסידים ר' פנחס רייזעס און ר' בנימין קלעצקער געגאנגען אויפן מארק אין לייפציג. דארטן האבן זיי געהערט אז איינער פארקויפט קונטרסים (אזוי האט מען גערופען דעם תניא פאר עס איז געדרוקט געווארן). זיינען די חסידים געקומען נענטער צו דעם פלאץ וואו דער מענטש האט פארקויפט די קונטרסים, און זיי האבן גלייך געקויפט צוויי קונטרסים. נאך דעם וואס די חסידים האבן דורכגעקוקט די קונטרסים האבן זיי באמערקט אז די קונטרסים זיינען געווען פול מיט גרייזן. האבן זיי פארשטאנען אז דער וואס פארקויפט די קונטרסים איז געווען א מתנגד, און דאס וואס ער האט פארקויפט איז געדרוקט געווארן בדוקא מיט גרייזן צו מאכן א געלעכטער פון חסידות און חסידים. האבן די קלוגע חסידים געזאגט "מיר ווילן קויפן די אלע קונטרסים און מיר וועלן דאס פארקויפן איבעראל." האט דער מתנגד פארקויפט 450 "ספרי תניא" צו די חסידים!! די חסידים האבן, ווי פארשטאנדיג, ניט פארקויפט די ספרים, נאר גלייך זיינען זיי געגאנגען צום הייליקן אלטער רבי צו באווייזן אים די קונטרסים. נאך א יאר שפעטער, האט דער אלטער רבי געגעבן רשות צו דרוקן דעם הייליקן ספר התניא, און א יאר נאכדעם איז די תניא געדרוקט געווארן כ' כסלו תקנ"ז.

קינדער, די וואך, דארפסטו אויך דערציילן א מעשה!!
שרייב אן ווי אזוי די בילדער איז פארבונדן מיט יט כסלוו און שיק אריין דיינע ענטפערס צו (718) 221-0985.

1. 

2. 

3. 

4. 

5. 

6. 

7. 

8. 

9. 

10. 

*(המשך א הוראה פון די פרשה)*
*גענוג, נאר מען מוז האבן צוויי ליכט. דאס איז א הוראה פאר אונז. וויפל מען האט געטאן גוט נעכטן, מוז מען אויפטאן נאך מער היינט, ווי חסידים האבן געזאגט "מארגן וועט זיין גאר אנדערש!"(המו"ל)*

נאך אן אפלערנונג פון דעם לעבן פון יוסף הצדיק:
די מערסטע פון זיינע יארן האט יוסף געלעבט אין לאנד מצרים. צו זיבעצן יאר האט מען אים שוין אראפגענידערט אין מצרים, און ער האט דארט געלעבט דריי און ניינציק יאר, ביז זיין פטירה אין עלטער פון הונדערט און צען יאר.

די גאנצע צייט איז ער געווען אין מצרים, אויסער די עטלעכע וואכן וואס ער האט געדארפט אוועקגיין פון מצרים קיין ארץ ישראל דורכצופירן די שליחות פון זיין פאטער אים צו באגראבן אין מערת המכפלה.

און זייענדיק אין מצרים, איז אויסער די צייט ווען ער איז געווען איינגעשפארט אין בית האסורים, איז ער ניט געווען פארשלאסן פאר זיך, נאר ער איז געווען דער "משנה למלך", דער צווייטער צום קעניג, וואס האט אנגעפירט מיט דער גאנצער לאנד און צוליב דעם האט ער געמוזט טרעפן נאכאנאנד מיט מצרישע מענטשן, וואס, ווי דערציילט אין תורה, איז מצרים געווען א מדינה וואס אירע איינוואוינער האבן זיך ניט געפירט ווי מען דארף זיך אויפפירן לויט דער תורה.
און ניט געקוקט אויף דעם וואס יוסף האט געלעבט מיט אזעלכע מענטשן, האט ער אנגעהאלטן זיין הנהגה צו היטן דעם אויבערשטנ'ס מצוות, ביז ער ווערט אנגערופען "יוסף הצדיק", און ער איז נאך געווען א גרעסערע צדיק ווי זיינע ברידער וואס האבן ניט געלעבט אין מצרים.

און דאס איז אן אפלערנונג פאר יעדן אידן:
אפילו ווען עס ווייזט זיך אים אויס אז ער האט פארשידענע שוועריקייטן צו מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס אנזאג – ער האט א שווערן טאג-טעגליכעכ'ן קאמף מיט זיין יצר הרע, ער לעבט צווישן גוי'שע שכנים וואס פירן זיך ניט אויף גוט, און ס'איז שווער צו זיין אנדערש פון זיי- לערנט מען אפ פון יוסף הצדיק, אז אפילו אין די שווערסטע אומשטענדן האט א איד דעם כח זיי צו איבערקומען און בלייבן א צדיק!
*(דער רבי רעדט צו קינדער, ו' דחג הסוכות תשמ"ח)*

לשנה טובה

לימוד החסידות





בדרכי החסידות

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org

בס"ד

# חנוכה

*פאקס צו די שלוחים אופיס פאר פון יום רביעי כ"ה כסלו און דו קענסט געווינען א פרייז!*
*(718) 221-0985*

1. אויף וועלכער נס איז באשטימט געווארן הדלקת נר חנוכה? ______________________________

______________________________________________________________________________

2. וואו צינדט מען אן די חנוכה ליכט אין שטוב?(מנהג חב"ד)______________________________

3. מיט וואס צינדט מען אן די חנוכה ליכט? ______________________________

4. מיט וועלכע אויל צינדט מען אן נר חנוכה?______________________________

5. ווען צינדט מען אן די חנוכה ליכט?______________________________

6. אויף ווי לאנג דארפן ברענען די חנוכה ליכט (מנהג חב"ד)______________________________

7. וואס איז א מנהג צו געבן אויף חנוכה?______________________________

8. וויפל ליכט זיינען געווען אויף די מנורה אין בית המקדש?______________________________

9. מאך א בילד פון דעם רמב"ם'ס מנורה.______________________________

10. וואס לייגן מיר צו אין אונזערע תפילות יעדן טאג פון חנוכה-2 ? ______________________________

**די קינדער וואס האבן געוואונען - פרשת וישלח:**
**מנחם מענדל סודאק, (6) לונדון & מנחם מענדל שמוטקין, (8) מילוואקי**

שם: ______________________________ ווי אלט: _____

אדרעס:______________________________

אי-מייעל: ______________________________

**הצלחה רבה!**

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x105 ~ cyh@shluchim.org